Opłata pocztowa uiszczona ry załtem

**Najer Folksblat** | פרייז 20 גראשען | **היינט 8 זייטען**

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 272 (964 | Łódź, Niedziela 28 Listopada 1926 | פירטער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאג כב כסלו תרפ״ז. | Nr. 272 (964

24-71 אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24 71

„כתר צעירים"
לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ 22.

מיטוואָך, פּ׳ ויגש (זאת-חנוכה)
(8/XII) פּינקטליך 7 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר אַ

זאל פילהארמאניע
נאַרוטאָוויטשאַ 20.

גראנדיעזע התחלת-הספר-פייערונג

אין דער פייערונג נעמט אָנטייל אַ גרויסער סימפאָנישער אָרקעסטער, ווי אויך אַ כאָר פון 40 פּערזאָן. ס׳וועלען זיך אויך בעטייליגען מיט רעדען מעניני דיומא בעוואוסטע אָנגעזעהענע רבנים פרוגעלייכקייטען. פּרטים אין די וויטערדיגע אַנאָנסען. בעמערקונג: דער באַלקאָן און גאַלעריע זענען ספּעציעל רעזערווירט פאַר פרויען. בילעטען שוין צו בעקומען טעגליך אין סעקרעטאַריאַט פון דער חברה פון 8–10 אין אָוונט און ביי פאָלגענדע פּערזאָנען: אַפּעלבוים (פּולנאָצנאַ 2), האַלפּערן (נאָוואָמיעסקאַ 28), הערשקאָוויטש (אַלטער מאַרק 5) און אין טאָג פון דער פייערונג — ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.
508

לאָדזשער יודישער הילפס-פעראיין
„תומכי אורחים" (פּאָמאָר-סקאַ 18)

דינסטאג, דעם 7-טען דעצעמבער, 8 אין אָוונט
ווערט איינגעאָרדענט
דורך דעם הילפס-פעראיין
„תומכי אורחים"

זאל פילהארמאניע
נאַרוטאָוויטשאַ 20.

# די אמעריקאנער

אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג מיט דער בע-טייליגונג פון די בעסטע יודישע אַרטיסטען. געשפּילט ווערט ווערען דאָס בעריהמטע לעבענס-בילד (אָפּערעטע) מיט געזאַנג און טענץ אין 4 אַקטען פון א. שאַר

# איבעראשענד נייעס!

צום שלוס ווערט געגעבען ווערען אַ העלסט-אַמוזירענדער דיווערטיסמענט אין 2 אַקטען, אויסגעפיהרט דורך אַלע אַרטיסטען. עס ווערט אויך שפּילען אַ גרויסער סימפאָנישער אָרקעסטער פון 25 פּערזאָן. געגוייערס אין די פּראָגראַמע.
די קליינע צאָהל איבערגעבליבענע בילעטען זענען צו בעקומען אין קאַנצעלאַריע פון פעראיין, שרעדניאַ 18, אָפען טעגליך פון 10 ביז 1 און פון 5 ביז 10 אָוו. און ביי י. סושעק, נאָוואָמיעסקאַ 15, פּראָנט-געשעפט. 928

## אויפמערקונג!

איך פאָדער אויף צום לעצטען מאָל דעם ה׳
איטשע וועלר, פּאָלודניאָוואַ 2, צו קומען
היינט, זונטאָג צום ב״ד ר׳ יוסף פיינער, אָדער צו
אַ שידס-געריכט. אינפאַלס אויב ער וועט ניט קומען
נעהם איך אָן מיר אַרויס די פעראַנטוואָרטליכקייט
פאַר די ווייטערע פאָלגען. 589 מיט אַכטונג
פ. מאַטיל, וואָלטשאַנסקאַ 19.

## מודעה ואזהרה מהראבינאט.

ביי די פרעמדע געשאָכטענע גענז זענען שרעקליכע מבשולים פון נבלה וטרפה. דעריבער זאָל יעדער יוד, וואָס וויל זיך אָפּהיטען פון מאכלות אסורות אָזעלכעס ניט נוצען, ואפילו ווען די גאַנז איז מיט אַ פרעמדע בלאָמבע. אויך זענען מיר מזהיר באזהרה גדולה מ׳זאָל מעהר ניט ברענגען פון פרעמדע שחיטה און קיין געגנזלער, יאַטקע און וואורשטען-פאַבריקאַנטען זאָלען ניט קויפען פרעמדע שחיטה אלס כשר ניט ביי אַ סוחר ניט ביי ענצלער. פון מאָנטאָג אָן ווען יעדער גאַנז פון היגע שחיטה האָבען אַ בלאָמבע שוחטי עופות לאָדז, אַז יעדער קונה זאָל דאָס נאָכזעהן. אינפאַל אַ געגנזלער וועט ניט פערזעהן זיינע געגנז מיט אָזעלכע בלאָמבעס — וועט מען מפרסם זיין, אז ביי איהם האָט מען געפונען ניט כשר׳ע געגנז. 513
לאָדזשער ראַבינאַט.

צענטראַלער סוחרים- און פאַבריקאַנטען-פערבאַנד
אויף דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע, פּעטריקאָווער 10.

היינט, זונטאַג, דעם 28 טען נאָוועמבער 1926, 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל מיט׳ן אָנטייל פון די לאָדזער דעפּוטאַטען, ס. נאַטאַרען און ראַטמענער

# א וויכטיגע קאנפערענץ

צו וועלכער עס קומט ספּעציעל פון וואַרשע

# דעפ. ווישליצקי

טאָג-אָרדנונג: אַקטועלע כוחר׳שע פראַגען, פערספּעקטיווען פאַר׳ן יודישען סוחר׳טום אין פּוילען, פּרייז פאָרשלאָגען.
די פערוואַלטונג. 526

אחרי מחלה כבדה וממושכה גוע ויאסף אל עמיו האיש החסיד, המופלג בתורה וירא אלוקים נ״ע

# חנוך הענעך שוויאטלאווסקי
(כ״ר מ א י ר ז״ל)
(מעיר זעלעח)

בשנת החמשים ושמונה לחייו.
הלוי׳ תהי׳ היום, יום א׳ כ״ב כסלו (26-28/11) בשעה 12 בצהרים מבית המרפא „אוניטאס", רחוב פוסטא 19.
המתאבלים עליו מאין הפוגות:
אשתו, בניו, בנותיו, כלתו, אחיו, אחיותיו ונכדיו. 531

## אכטונג, מאגאזין-שניידער!

פון די פאַכען מענער, דאַמען, פוטלעך, דושעצינע, הויזען און ציגענע הויזען.
צוליב דער געשאַפענער לאַגע ביי די מענער מאַגאַזין-שניידער רופט די פערוואַלטונג פון מאַגאַזין-שניידער-מייסטער-פעראיין אויף היינט, זונטאג, 3 נאָכמ.

# א דרינגענדע פערזאמלונג

אין אונזער לאָקאַל פּעטריקאָווער 20
צו בעטראַכטען די פראַגע וועגען סאָלידאַריזירען זיך צום שטרייק.
די פערוואַלטונג. 530

דערמיט דרוקען מיר אויס אונזער טיפסטען ביילייד אונזער חבר און בעל-קורא פון אונזער שוהל „סיני" ר׳ שמחה ראַבינאָוויטש נ״י צוליב׳ן טויט פון זיין פרוי נ. ע.

# שרה דבורה
(בת הרב ר׳ בנימין אהרן מעיר מאַלץ ז״ל)

גלייכצייטיג בעטען מיר אַלע מתפללים אָנטייל צו נעהמען אין דער לויה, וועלכע קומט פאָר היינט, זונטאָג, דעם 29-טען נאָוועמבער פּינקטליך 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז זלאָטאַ 5. 524
די גבאים פון שוהל „סיני", נלובנא 52.

אנאנסען
— אין —
„נייעם פאלקסבלאט"
האָבען דעם
גרעסטען ערפאָלג.

## 8-טונג, קאלאניאל-קליינהענדלער!

די פעראייניגטע קאָלאָניאַל-קליינהענדלער (פּיעטרקאָווער 6)
מאַכט בעקאַנט אַלע קאָלאָניאַל הענדלער, אַז היינט, זונטאַג, דעם 28. נאָוועמבער 6 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר אַ גרויסע

# פערזאמלונג

קומט מאַסענווייז צו האַנדלען זיך וועגען אייערע אייגענע אינטערעסען.
דעם גלייכצייטיג ווערט אין צעניק נ. 14 וועלכע איז בעשטעטיגט דורך די ליכוועס קענען אַלע אויסקויפען דעם
די צייטווייליגע פערוואַלטונג. 539

